STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 217907

# TOGBUKH FUN A VEVERKE

Sonye Kantor

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

סאניע קאנטאר. № 1

# טאגבוך

# פון א וועווערקע.

פ א ר ל א ג

„צענטראלער ארבעטער

קאאפעראטיוו"

מארט. ביאליסטאק. 1920.

* * *

**Dziennik wiewiórki.**

דרוק מ. פרושאנסקי, ביאליסטאק.

סאניע קאנטאר

# טאגבוך

# פון א וועזווערקע

## נעֶהיילִינגט משהלֶען.

# סוף פרילינג.

װאָס פֿאַר אַ גליק דאָס איז, אַז איך קען שוין אלײן שפּרינגען איבער די גרינגע צװײַגעלאך פֿון אונזער בוים אַראָפּ און אַרויף, קנאַקן ניסעלאַך און יאָגן זיך נאָך פֿליגעלאַך און גרויסע װערים!

װי דורך אַ חלום דערמאָנט זיך מיר, װי איך בין נאָך מיט אַ קורצע צײַט צוריק געװען שװאַך און אומבאַהאָלפֿן.

מײַן מאַמע איז פֿון מיר און פֿון ליובטשען, מײַן יונגערע שװעסטערל, ניט אָפּגעטראָטן. דער טאַטע האָט אונז ניס געבראַכט, אלײן זײ גע־קנאַקט און אַרײַנגעלײגט אין מויל די זיסע קערנ־דלאַך! װי לאַנג איז עס?

און איצט, דוכט זיך מיר, קען איך שוין אַ װעלט אויסשפּרינגען.

ליובטשע איז שװאַכער פֿון מיר. זי זיצט נאָך אין נעסט. איך קען שוין אָבער אין נעסט ניט אײַנזיצן. די זון שײַנט! די פֿויגעלאַך זינגען. ס'איז אַזױ פֿרײלאַך, אַזױ לעבעדיק אַרום און אַרום! איך װאָלט געװאָלט שפּרינגען איבער אַלע בוימער,

די מאַמע האָט מיר פאַרזאָגט, איך זאָל זיך ניט דערוויטערן פון נעסט.

איך מוז איַיך אָבער באַשרייבן מייַן גאַנצע משפחה, דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אונדז זייער ליב. ווען מיר זיינען נאָך געווען גאָר קליין, האָט די מאַמע אונדז געוואַשן מיטן צונג און גע־קאַמט מיט די לאַפּקעס. „זע, מייַן מאַן, ס׳אַרא שיינע קינדערלאַך מיר האָבן! קיין שענערע וועָ־רעָקעס האָט נאָך די וועלט ניט אָנגעזען״ — פלעגט זי זאָגן אָפט צום טאַטן.

דער טאַטע קוקט אונדז אָן מיט שטאָלץ. ער לערנט אונדז צו לויפן איבערן גלאַטן שטאַם פון בוים, שפּרינגען פון שטאַם אויף די נאָענטסטע צווייַגעלאַך, איבערשפּרינגען פון איין בוים אויפן צווייטן, ער לערנט אונדז, ווי אַזוי צו כאַפּן ווערים, ווי אַזוי צו האַלטן אַ נוס, ווי אַזוי אויפצו־קנאַקן אים און ווי אַזוי אויסצושפּייַען די שאָ־לאַכץ!

מיר וואוינען אין אַ גרויסן פּאַרק, אין אַ הייַ־לעכל פון אַן אַלטן הויכן בוים. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אויסגעבויט אויף די העכסטע

צווײַנעלאַך אַ וואַרים נעסטעלע. מיר האָבן אַ ווייכן געלענערל פון בלעטער, צווײַגעלאַך און מאָך. איבער אונז איז אַ קלײן דעכעלע. ער באַשיצט אונז פון רעגנס און ווינטן. ווען ס'איז אַ זון, האָב איך ליב אַרומצוטאַנצן איבער די בוימער. טאַטע־מאַמע לאָזן אונז אַלײן ווײַט ניט שפרינגען. „איר זײַט נאָך קלײן און אומפאָרזיכטיק. עס קען אײַך אַ מאָל כאַפּן אַ קאַצע אָדער אַ מאַרדערל.

איך פאַרשטײ ניט, ווי אַזוי קען מען מיך עפּעס כאַפּן? אַ קאַצע האָב איך שוין אַ מאָל געזען, דאָס איז דאָך אַן אַלטע בלינדע פויגל. אײדער זי וועט זיך אַ ריר טאָן, וועל איך שוין זײַן ווײַט, ווײַט!

אַ מאַרדערל האָב איך נאָך ניט געזען. דער טאַטע זאָגט, אַז אַ מאַרדערל שפּרינגט אַזוי פלינק, ווי מיר, נאָר דאָס גלויבט זיך מיר ניט. איך מײן, אַז דער טאַטע שרעקט אונז בלויז אָן! ער וויל ניט, מיר זאָלן ווײַט אַוועק.!

## אָנהויב זומער.

נעכטן איז דער טאַטע אַוועק מיט דער מאַ־

מען צו געסט. איך בין געבליבן אליין מיט ליובטשען.

„מײַן זון, האָט געזאָגט דער טאַטע, זאָלסט אַכטונג געבן אויף דײַן שוועסטער. זי איז נאָך שוואַך. קריג זיך ניט מיט איר. דאָ האָסטו אַ פּאָר ניס און חזיר־ניסלאַך. ס'וועט דיר אויספעלן — קענסטו זיך שוין אַליין אָפּרײַסן פון בוים. נאָר געדײַנק, מײַן קינד, זאָלסט ווײַט ניט גיין! זײַ פאָרזיכטיק!"

דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען אַוועק. מיר זײַנען געבליבן אַליין!

די זון האָט געשײַנט און האָט געוואָרפן ברייטע שאָטנס אויף די לאַנגע אַלייען פון פּאַרק.

איך האָב ניט אויפגעהערט צו שפּרינגען און צו טאַנצן איבער די צווײַגן פון אונזערע בוימער.

— טוק — טוק, — טוק טוק, טיק - טוק — האָב איך דערהערט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן קלאַפּן.

„ליובטשע, וואָס איז דאָס? ווער קלאַפּט עס אַזוי"? האָב איך אַ פרעג געטאָן!.

ליובטשע האָט געשוויגן.

„קום ליובטשע, לאָמיר אַ שפּרונג טאָן, לאָ־
מיר אַ קוק געבן, וואָס איז דאָרט אזוינס?“

—און וואָס וועט זאָגן דער טאַטע? גײַ ניט,
קנאַקערל, כ'האָב מורא!

איך אָבער בין שוין אַוועק, איך האָב גע־
שפּרונגען, אָפּגעשטעלט זיך, צוגעהערט זיך, פון
וואַנען עס קומט דער קלאַנג און בין ווידער גע־
שפּרונגען פון איין בוים אויף אַ צווייטן. פּלוצ־
לונג האָב איך דערזען אַ שמאָלן שפּאַלט אין
א בוים און איך האָב דערהערט אַ פּיסק.

טאַטע־מאַמע שטראָפן מיך אַלע מאָל פאַר מײַן
נײַגעריקייט. איך בין דאָך פאַרט נײַגעריק! איך
בין צוגעגאַנגען צום שפּאַלט און האָב אַרײַנגעשטעקט
אהין מײַן נעזעלע. איך זע נאָר ניט,—דעם פּיסק
הער איך ווידער. איך האָב אויסגעבויגן מײַן רוקן,
ווי שמאָל איך האָב עס נאָר געקענט און האָב
זיך אַרײַנגעגליטשט אין שפּאַרונע.

פינסטער!—איך זע קיינעם ניט! איך גײ דורך
אַ שמאלן דורכגאַנג און מיט אַ מאל געפין איך
זיך אין אַ גרויסן נעסט. פינף קלײנע עופ'עלאַך
שפּאַרן זיך איינער צו דעם צווייטן.

אוי, האב איך געהאַט אַ זאַטן מיטאג!

איך האב זיך אפגעהאַשן מיט מײַן לאַפּקע און האב זיך שוין געגרייט ארויסצוגליטשן פון נעסט. איך האב אבער דערזען אַ גרויסע פויגל מיט אַ לאַנגן שנאבל, אין װעלכן זי האט גע־טראגן װערים פאַר אירע קינדער.

איך האב זיך דערשראקן, די פויגל אבער נאך מער. זי איז אפגעפלויגן אַ ביסל. איך האב זיך ארויסגעגליטשט פון דער שמאלער שפּארונע און האב זיך געלאזט לויפן אין איין אטעם.

איך בין געלאפן אלץ װײַטער און װײַטער. די זון איז פארגאנגען. איך האב זיך אומגעקוקט. כ'װײס ניט װאוהין צו גיין—איך האב פארלארן דעם װעג.

װאס װעט איצטער זײַן? דער פארק איז גרויס און איך בין אליין. איך קוק זיך אום אומבא־האלפן אויף אלע זײַטן.

איך האב זיך אפגעשטעלט און אפגעכאפט דעם אטעם. מיטן פרישן קילן שטראם פון לופט האט מײַן נאז דערשפירט עפעס א באקאנטן גערוך. איך האב זיך װידער געלאזט לויפן אין

דער ריכטונג פֿון דעם באקאנטן ריח. איך בין געלאפן, אפגעשטעלט זיך, געשמעקט און ווידער געלאפן, ביז איך האב באמערקט אונזער ליבן בזיב.

אין איין מינוט בין איך שוין געווען אויבן אין נעסט!

—„וואו ביסטו געווען?" האט די מאמע אויסגערופן, וויינענדיג פֿאר שמחה, „מיר האבן שוין אונזערע אויגן אויסגעוויינט,— וואס שווייגסטו? וואו ביסטו געווען?"—

—לאזט מיך אפרוהען אביסל... כ'בין פֿארקראכן אין א נעסט פֿון א פּיקהאלץ:.. כ'האב אויפגעגעסן פֿינף עופֿ'עלאך... זייער געשמאקע!.. כ'בין אנטלאפֿן פֿאר זייער מאמען... און איך האב פֿארלארן דעם וועג!

—„שאדט ניט" האט געזאגט דער טאטע, —„ביסט אין מיר געראטן,„וועסט זיין א כוואט!"

—„זיי אבער פֿארזיכטיק א צווייטן מאל, קנא־קערל! מיר האבן געהאט שוין אזוי פיל עגמת־נפש"—האט צארט געזאגט די מאמע. —„איצט, קום שוין שלאפֿן!"

מיר, אָבער צופרידן האָב איך זיך גענויפגעדרייט אויף מיין געלעגערל און גלייך בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן...

## צייט פון היצן.

אין פארק איז וואַרם א טאָג הייסער. איך בין שוין שטאַרק, ליובטשע אויך. מיר קענען שוין דעם גאַנצן פאַרק. איצט קען ליובטשע אויך אַרײַנגנבענען זיך אין אַ פויגלנעסט און אויס־טרינקען די אייער, אָדער דערשטיקן די קליינע וואָרג. שוין ניט קיין נייס! אַלע פויגל האָבן פאַר אונז שטאַרק דרך־ארץ.

אַ מאַרדערל האָט מיך שוין אויך ניט איינ־מאָל נאָכגעיאָגט. ער איז טאַקע זייער פלינק, איך אָבער בין פלינק און קלוג—און ער האָט מיך ניט געקענט כאַפּן.

איך האָב זיך שוין באַקאַנט מיט אַלע חיות אין אונזער פאַרק. דער מאַטע איז פון מיר צו־פרידן. ער זאָגט, אַז צו דער נייער אויפבליהונגס־צייט וועל איך זיך קענען אַן אייגן נעסט פאַרלייגן.

ער זאָגט נאָך, אז אויסער חיות דאַרף מען זיך

שטארק היטן פֿאַר מענשן. איך האָב זיי נאָך ניט געזען. „אַ מענש,“ זאָגט דער טאטע, „איז שטאַר= קער און קלוגער פֿאַר אַלע חיות“.

אפֿילו פֿאַר א מאַרדערל? עס קען ניט זיין.

## צייט פֿון שטורמס.

איז דאָס היינט געחען אין אונזער פּאַרק אַ שטורם! אזעלכע בליצן און דונערן האָב איך נאָך ציינט איך לעב, ניט געזען און ניט געהערט.

פֿריהער איז געחען היים און פּאַרנע. איך האָב ניט געהאַט קיין כּוח צו שפּרינגען, און ס'איז מיר שחער געחען אָפּצואטעמען. איך האָב זיך אַרומגעקוקט. ס'איז געחאָרן מיט א מאל אזוי שטיל: ניט קיין שאַרך פֿון קיין בלעטל, ניט קיין בלאָז פֿון א חינטל. א שחערער שחאַרצער האָלקן האָט פֿאַרשטעלט די זון און דעם גאַנצן הימל.

אַלע פֿויגעלאך זיינען אַרומגעפֿלוינן צומישט און צושראָקן, זוכנדיק זייערע נעסטן.

ס'איז אראָפּגעפֿאַלן אַ שחערער רעגנטראָפּן און מיט איין מאָל האָט זיך דער הימל געשפּאָלטן און אַ העלער בליק האָט אדורכגעשניטן דעם גאַנצן פֿאַרכמאַרעטן הימל. באַלד דערנאָך האָט

זיך דערהערט א דונער! אַזאַ טראסק האָב איך נאָך ניט געהערט ציַיט איך לעב.

„דו נייסט אַריין אין נעסט?“ האָט מיך אָריינ־גערופן דער טאטע.

מיר זיַינען אריַין אין נעסט און איך האָב זיך באהאַלטן אין ווינקעלע. אַלע זיינען געזעסן שטיל, ווי קיניגלאַך—ניט גערירט זיך, נאָר ליוב־טשע האָט געוויינט.

דערנאָך האָבן די בוימער אָנגעהויבן צו קרעכצן, די בלעטער צו פאַלן, אַ דונער נאָך א בליץ, א דונער נאָך אַ בליץ און פּלוצלונג איז אריַין אַ דונער אין אַ בוים, וואָס איז געשטאַנען ניט וויַיט פון אונז.

איך האָב פארשמורעט מיַינע אויגן פון דעם שטארקן פיַיער.

נאָר זעלטענער און זעלטענער זיַינען געוואָרן די דונערשאלן. ביסלאַכוויַיז האָט זיך אויס־געלייַטערט. דער רעגן האָט אויפגעהערט און נאָך פון די צוויַיגעלאַך האָבן זיך גענאָסן רעגנטראָפּנס. די לופט האָט געשמעקט מיט אַ שטארקן סמאָלע־ריח און מיט גראָזוואַרג.

איך בין פּאַמעלאך ארויסגעגאנגען פון נעסט.

א סך גרויסע בוימער זײַנען צוּבראָכן געוואָרן. דער בוים, אין וועלכן ס'איז אריין א דונער, האָט זיך צושפּאָלטן, ער האָט זיך נאָך געריכערט.

—„וואו גײַסטו, נאַר אײנער?", האָט מיך די מאַמע צוריקגעצויגן פאַרן חײַדל. „וואַרט, ביז די זון וועט אויסשײַנען! זעט נאָר, חי זײַן פוטערל זעט דאָס אויס!"

איך בין אריינגעגאנגען צוריק אין נעסט. ליובטשע האָט נאָך אַלץ געווייִנט.

## צייט פון יאגד.

הײַנט האָב איך צום ערשטן מאָל געזען מענשן. דער טאַטע איז גערעכט. א מענש איז שטאַרק!

איך בין געזעסן אויף א צווײַגעלע הויך אויף א בוים און האָב געקנאַקט ניסעלאך. ליובטשע איז געזעסן מיט אַ צחײַג נידריקער און האָט גע-טאָן דאָס זעלביקע.

„ווײַסט, קנאקערל, בײַ מיר וואקסן אויס נײַע צייין?"—האָט זי אויסגערופן מיט פרייד.

די צײַן האָבן זיך בײַ איר אָפּגעריבן, חײַל פארשטייט זיך, אַז ליובטשע איז א נאשערקע נאָך א גרויסע. זי האָט אָבער מורא געהאט, אז זי וועט ניט קענען מער קנאקן קיין ניסעלאך.

איך האָב זיך שטאַרק דערפֿרייט. איך האָב גלײַך איבערגעשפּרונגען אויף דעם וועלבן צווײַג, וואו ליובטשע איז געזעסן.

מיט אַ מאָל האָבן מיר דערהערט אַ שאַרף און שווערע טריט. מיר האָבן אַראָפּגעקוקט דורך די צווײַגן און, איך ווייס ניט פֿאַרוואָס, אַ שרעק האָט מיך באַפֿאַלן! מײַנע נימעלאַך ווײַנען אַראָפּגעפֿאַלן בײַ מיר.

אַזעלכע חיות האָבן מיר נאָך אין דעם אַלטן ווילדן פּאַרק ניט געזען.

זיי האָבן אויפֿגעהויבן עפּעס פֿון די פּלייצעס און צוגעלייגט עס צום אַקסל. עס האָט זיך דערהערט אַ קורצער טראַסק און אַ שטיק פֿייער איז אַרײַן אין בוים, ניט ווײַט פֿון אָרט, וואו מיר זײַנען געזעסן.

„אַנטלויף, ליובטשע“, — האָב איך אַ געשריי געטאָן צו ליובטשען, שפּרינגענדיק פֿון איין צווײַג אויפֿן צווייטן.

„דאָס זײַנען געווען מענטשן, אונזערע שטאַרקסטע פֿײַנד“. האָט געזאָגט די מאַמע, ווען איך האָב איר אַלץ דערציילט. איצט פֿאַרשטיי איך שוין

פארחאם א מענש איז שטארקער אפילו פאר א מארדערל.

## צייט פון נים און זוימען.

אחעק איז שוין דער זומער. איך קוק זיך צו צו אונזער פארק. איך קען אים ניט דערקענען. ניטא קיין גרינס מער. געלס, רויטס, ברוינס זעט מען צווישן די צווייגן. און אזוי פיל ניס, חזיר־ניס שלאפעפעלאך!

אט איז דאס פאר אונז איצט א לעבן, א פרייד! נאשן קען מען וויפל מ'ווילו! אונטער יעדער בלעטאלע, אויף יעדן בוים. ניט קיין נוס איז א שישקע, ניט קיין שישקע, איז א חזירנוס ניט דאס, איז נאר זוימען פון פלאנצן, וואס דער ווינט צושיט און צוטראגט.

דער טאטע זאגט, אז מיר דארפן ווינציקער נאשן. בעסער אפלייגן און באהאלטן אויף דער ביטערער צייט, ווען אפילו א זוים וועט זיין שווער צו געפינען.

איך פאלג, ליובטשע אבער איז ביי אונז א רויסע נאשערקע! זי וויל נאר ניט פארשטיין. געכטן אבער האט זי שיר־שיר ניט באצאלט מיטן לעבן פאר איר נאשערייַ.

א פאר טעג האט אָן אויפהער נעגאסן א קאלטער רעגן, נעכטן איז געווארן ווארים און עס האט אויפגעשיינט · אויפסניי די זון.

מיר זיינען געשפרונגען איבער די בוימער אליץ טיפער און ווייטער אין אונזער פארק. מיר זיינען אריין אין אזא ווינקעלע, וואס איז אונז געווען אומבאקאנט. פלוצלונג רופט מיך צו ליובטשע:

„זעסט, קנאקערל, אין יענעם הויז ביים פענסטער זיצן קליינע שיינע מענשעלאך. זיי זעען אונז ניט און טוען דארט עפעס. כ'וואלט געווען א בעלן צו וויסן, מיט וואס זיי זיינען באשעפטיגט א גאנצן טאג. איך זע ניט, זיי זאלן שפרינגען און קנאקן ניסעלאך, אזוי ווי מיר!"

און מיט איין שפרונג האט זי זיך אראפגעלאזט פון בוים, און פון דארט ארויפגעשפרונגען אויף א קאשטאנבוים, וואס איז געוואקסן לעבן פענסטער.

די קינדער האבן דערהערט דעם שארך פון די צווייגן. זיי האבן אויפגעהויבן די אויגן און האבן אונז דערזען. זיי האבן זיך גענומען עפעס

סודן. דערנאָך איז די מײדעלע ארויסגעגאנגען און אין א װײַלע ארום האט זי געבראכט זיסע מאנדלען, צושאָטן זײ אויף דער ערד און אלײן זיך באהאַלטן אונטער א בוים.

„ליובטשע, גײ ניט‟, האָב איך געשריען.—„געדײנק, דו װעסט חרטה האבן!‟

ליובטשע איז דאך װי איר חײסט, א נאשערקע! זי הערט מיך ניט און שפרינגט אראפ. איך נאך איר. פלוצלונג פאַלט אויף אונז אראפ אַ היטל און די מײדעלע האט אונז געכאפט. איך האב אבער אזוי צודראפעט און צוביסן איר פינגער, אז זי האט ארויסגעלאזן איר ברודערס היטעלע און איז אװעק מיט א געװײן אהײם.

„אלץ צוליב דיר, דו ביסט א נאשערקע!‟ האב איך אויסגעשריען שוין אויפן בוים.

—און דו ביסט ניט קײן נאשער? װאס ביסטו מיטגעגאנגען?

איך האב זיך געשעמט מודה צו זײַן אז ס'איז אמת. „איך האב מורא געהאט פאר דיר!‟ האָב איך זיך פארענטפערט.

„אודאי, פונקט, װי איך חײם ניט‟

מיר װאלטן זיך געװיס לאנג געקריגט, װען ניט

טאטע-מאמע: זיי האבן צווישן אונז שלום געמאַכט.

## טעג פון פויגל-אפּפלי.

קאלט איז אין פארק. ס'יאגן ווינטן, ס'פאלן אראפּ געלע בלעטער. אלע פויגעלאך קלייבן זיך צונויף אין גרויסע מחנות און פליען פון אונז אַפּ.

„וואוהין פליען זיי?" האב איך געפרעגט דעם טאטן.

„ס'איז זיי דא קאלט, מיין קינד, זיי זוכן וואַרימקייט און ליכטיגקייט! פליהען זיי אַפּ אין לענדער, וואו ס'איז שטענדיק ווארים".

„און מיר? פארוואס לויפן מיר ניט אוועק אין די ווארימע לענדער?"

„מיר וועלן שוין, ווי עס איז אדורכשטופן די שווערע צייט דא."

היינט איז געקומען אונזער פעטער, וואס וואוינט אין וואלד. די מאמע האט אונז צונערופן: „ליבע קינדער", האט זי געזאגט, „אוועק איז שוין דער ליבער זומער! ס'קומט א שווערע צייט, ס'וועט ניט זיין מער קיין נים און ניט קיין זוי-מען. מיר מוזן זיך גוט צוגרייטן מיט זאפּאסן פון שפּייז אויף א גאנצן ווינטער, מיר זאלן ניט

ליידן קײַן הונגער און נויט. דער פֿעטער ראט אונז, מיר זאלן זיך איבערציהען פֿון דאנען אין װאלד. פֿאָרט איז דער װאלד גרעסער פֿאר אונזער פּארק. דער פֿעטער האט שוין אויסגעזוכט פֿאר אונז א װארים, טרוקן הײַלעכל. איצט איז געקומען אײַער צײַט אונז צו העלפֿן זיך פֿארזארגן מיט שפּײַז. איר דארפֿט װײַניקער נאשן, דערפֿאר אבער אלין אין אונזער שפּײַכלער ברײַנגען. ליובטשע, דרײַ זיך נית א װײַלע! הער אויס, װאס איך זאג צו דיר, דו נאשערקע, דו! װעסט איצט נאשן, װעסטו װינטער הונגערן!"

מיר האָבן צוגעזאגט, דער מאמען איר צו העלפֿן אין די שװערע פֿאָרבערײַטונגען.

## צײַט פֿון זאָרג און אַרבעט.

עס האבן זיך אנגעהויבן פֿאר אונז טעג פֿון מיה און ארבעט. מיר לויפֿן א גאנצן טאג אהין, אהער, מיר קלויבן חזירנים, שישקעס, ניס, מיר שלעפּן דאס אלץ אריבער אין א פּאָר ערטער אין װאלד. איך װײס נית, װי מיר װעלן געדײַנקען, װאו מיר לײגן אָפּ אונזערע זאפּאסן. דער טאטע זאגט, אז מ'דארף זיך צו=

גרייטן א פּאָר שפּייכלערס, מסתמא חיים ער בעסער. אין וואלד איז גאנץ פריילאך. אונזער גאנצע משפּחה וואוינט אין וואלד, אויך מיר האבן זיך שוין באַקאנט מיט נייע חברים און חברטעס.

## צייט פון שנייען.

אָט איז שוין א פּאר טעג, ווי מיר האבן געמאכט אונזערע זאפּאסן. די גאנצע צייט זיינען מיר געלעגן צונויפגעדרייט אין נעסט. עס האט זיך ניט געגלוסט ארויסלויפן פון נעסט. עס האט אן אויפהער גערעגנט.

נעכטן איז ארויסגעפאלן דער ערשטער שניי. ער האט געשאטן א גאנצן טאג און האט באדעקט די גאנצע ערד און די בוימער מיט א ווייסן פוך.

איך בין גלייך ארויסגעשפרונגען פון נעסט. די זון האט אפגעשיינט און זיך אפגעשפּיגלט אויף די שנייעלאך, וואס האבן געגלאנצט ווי בריליאנטן.

איך האב אויפגעזוכט מיינע חברטעס. איין חברטע געפעלט מיר זייער. ליובטשע איז שיין,

מיין חברטע איז אבער נאך שענער.

„א שיינע פאר" — זאגט אויף אונז אונזער משפחה, ווען מיר שפרינגען צוזאמען און זוכן די זוימען פון פלאנצן.

## טעג פון שטארקע פרעסט.

עס האבן זיך אנגעהויבן טעג פון גרויסע פרעסט. דער וואלד איז שטיל און חיים. ער טראכט אדורך זיינע ווינטערדיקע חלומות, אומעטיק אבער איז נישט. איך האב ליב צו טאנצן אויף די קנאקעדיקע צווייגעלאך, לויפן אויף דער ערד און באקוקן מיינע אייגענע שפורן אין שניי. פון צייט צו צייט לויפט אדורך א קארנע, א מאל קומט צו שפרינגען א גרויער האז, זעצט זיך צו, שטעלט אויס זיינע לאנגע אויערן און שפרינגט ווייטער אוועק. א מאל קומט צופליען א שווארצער ראב. איצט איז ער אויך געווארן העלער.

נעכטן זיינען געקומען אין וואלד מענשן. זיי זיינען געגאנגען ווארים אנגעטאן. אויפן קאפ האבן זיי געטראגן הויכע היטלען און אויף די הענט הענטשקעס.

מיר איז אויך נישט קאלט. איך האב צום ווינ-

טער באַקומען אַ נייען געדיכטן און טונקעלן פעלצל. איך האָב זיך באהאלטן אין נעסט און האָב פון דארט ארויסגעקוקט.

זיי האָבן אָנגעצייכנט א סך יונגע סכך-בוימער און סאָסנעס און זיינען אַוועק.

היינט זיינען זיי ווידער געקומען מיט העק און מיט זעק זיי האָבן אונטערגעהאַקט א סך יונגע סכך-בוימער און סאָסנעס.

א שאָד די קליינע, יונגע בוימעלאך!

## סוף ווינטער.

מיר גייען ניט ארויס גאַנצע וואָכן פון אונזער נעסט. מיר ליגן צונויפגעדרייט אין א בהאַלטע און שלאָפן גאַנצע טעג. פון צייט צו צייט, ווען עס הונגערט אונז שטארק, לויפן מיר צו אונזערע שפייכלערס ארויסנעמען עפּעס צום עסן.

נאָר מיר איז אומעטיק. עס שווינדלט שוין פאר די אויגן פון דער שטענדיקער חושכות. עס בענקט זיך נאָך דער זון, נאך גרינע, פרי-שע גראז, נאָך ניס און קאשטאַנעס.

## צייט פון ווארימע זונענשטראלן.

איך גרייט זיך שוין איבערצוציען אין אונזער

אַלטן פּאַרק. מײַן חברטע װעט מיטנעמען מיט מיר. עס װערט װאָס א טאָג װאַרימער. דער שנײ צור־גײט, פֿון די בױמער קאַפּעט. עס שפּראָצן בלוּ־מעלאַך, עס שטראַמט אונזער קלײן טײַכעלע. די פֿױגעלאַך קומען אָן פֿון די װאַרימע לענדער, עס הילכט די לופֿט פֿון זײערע געזאַנגען און טרילע־רײַען.

איך װאָלט אױך געװאָלט אַזױ װאַנדערן, װי זײ. מ׳זאָגט, אַז אין די װאַרימע לענדער איז ניטא קײן װעװערקעס, איך האָב געפֿרעגט פֿון װײַטנס בײַ א קוקאװקע.

—קו—קו —קו—קו, האָט זי אָפּגעענטפֿערט. „ניטאָ ניטאָ!“

װי איז דאָס מעגלאַך?

## צײַט פֿון אױפֿלעבונג און אױפֿבליהונג.

צװײ װאָכן זײַנען מיר שױן אין אונזער ליבן פּאַרק. יעדער שטעג, יעדער װינקעלע, איז מיר דא באַקאַנט און ליב. איצט האָבן זיך שױן פֿאַנאַנדערגעבליט די בלומען. גלעקעלאַך, ליליענבלומען, פֿײַלכעלאַך פֿאַרשמעקן די לופֿט פֿון אונזער פּאַרק. נאַלדענע בינעלאַך זעצן זיך

צו בײַ יעדער בלום און זינגן אויס די זאַפט. די פויגעלאך לײַגן אויס אײַעלאך און זײַערע נעסטן. מײַן נעסט איז געבױט אויף אַ הויכן בוים, באַזונדער פון מײַנע עלטערן ליובטשע האָט אויך א חבר. זי װאוינט ניט װײַט פון אונז. מיר זעען זיך א פאר מאל אין טאג.

נאר איצט בין איך שוין פאַרזארגט און פאַרנומען. מײַן טאגבוך האב איך אויך מער קײַן צײַט ניט צו שרײַבן. איך װעל דאך שוין אין גיכן זײַן א טאטע!

דערמיט ענדיק איך מײַן טאָגבוך.

# פֿאָלגנדע בּיכער פֿון דער קולטור-ליגע געפֿינען זיך אין הויפּט-פֿאַרקויף אין בּוכהאַנדלונג בּיים צ. א. ק. אין בּיאַליסטאָק.

№

1. כּללים וועגן אויסלייג.
2. מאיא — — יעקב פּאַט.
3. וואָס דער צימער דערציילט
   איבּ. מ. ראַבּינאָוויטש.
4. בּיים סטאָליער — — יעקב פּאַט.
5. קרילאָווס משלים — באַרבּ. פּסח קאַפּלאַן.
6. מאַרגעריטקע — איבּערז. מ. ראַבּינאָוויטש.
7. בּיי דער שניי-מלכּה — י. פּאַט.
8. אַ דין תּורה מיט אַ קלאָץ — י. רובּין.
9. דער האַרבּסט-ווינט אויף דער רייזע
   איבּערז. מ. ראַבּינאָוויטש.

## עס געפֿינען זיך אין דרוק:

געאָמעטריע — — מ. זאַבּלודאָווסקי.

רעדיאַרד קיפּלינג — ווען אַ קאַץ, וואָס האָט אַליין געמאַכט אירע שפּאַצירן
איבּערז. סאָניע קאַנטאָר.

סאָניע קאַנטאָר — אין דער מלוכה פֿון מוראַשקעס און שוואָמען.

---

מיט בּאַשטעלונגען זיך ווענדן אין צענטר. אַרבּ. קאָאָפּעראַטיוו, בּיאַליסטאָק, קילינסקע 23 א